# שמות ד

א. אין פסוק[1] „ויאמר אליהם מלך מצרים למה משה ואהרן תפריעו את העם ממעשיו לכו לסבלותיכם" זיינען חז"ל[2] מדייק: וויבאַלד ער איז מוסיף „לכו לסבלותיכם" און עס שטייט „לסבלותיכם"[3] — צו אייער (משה ואהרן'ס) אייגענער אַרבעט, ניט צו „מעשיו", און ניט „סבלותם" (פון פסוק גלייך נאָכדעם) ניט צו דער עבודת פרך פון אַלע אידן — איז מוכח אַז זיי זיינען געווען פריי פון דעם, אַז „שבטו של לוי פנוי הי' מעבודת פרך".

דער רמב"ן[4] איז מבאר, אַז ס'איז „מנהג בכל עם להיות להם חכמים מורי תורתם", און דערפאַר האָט פרעה אויס־געטיילט דעם שבט לוי און זיי באַפרייט פון דעם שעבוד, ווייל זיי זיינען די „חכמיהם וזקניהם" פון אידן[5]; און דאָס האָט פרעה געמיינט מיט „לכו לסבלו־תיכם — לישראל"[6], צו דער אַרבעט פון לערנען[7] און זיין „מורי תורתם" צו אידן[8].

דאָס הייסט, אַז פרעה האָט גע־טענה'ט צו משה ואהרן: ס'איז גענוג וואָס איר זייט פריי פון שעבוד מצרים און איר קענט אַליין לערנען תורה און לערנען תורה אויך מיט אידן — וואָס דאַרפט איר זיך (אויך) אַריינמישן אין (כללות'דיקן) סדר החיים און מעשים פון די אַנדערע אידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט פירן לויטן ציווי וסדר המדינה, ס'איז גענוג אייך וואָס איר לערנט מיט זיי פון צייט צו צייט תורה!

ב. עס שטייט אין זהר[9] אַז חכמת מצרים איז געווען „יותר מכל העולם", און דערצו — איז פרעה אַליין געווען אַ חכם גדול[10]. די טענה פון פרעה איז גע־ווען אַ טענה וואָס האָט אַן אָרט אין שכל העולם:

ע"פ טבע האָבן אידן זיך ניט געקענט באַפרייען פון גלות מצרים, כמאמר רז"ל[11], אַז „לא הי' עבד יכול לברוח ממצרים"; נאָכמער, דאָס איז געווען מתאים מיט דעם סדר ההנהגה מלמע־לה, ווייל דעם אויבערשטנ'ס גזירה פון גלות מצרים איז געווען אויף „ארבע מאות שנה"[12].

און דאָס האָט פרעה גע'טענה'ט: וואָס גייט איר משנה זיין טבע און דעם אויי־בערשטנ'ס דרכים[13]? „לכו לסבלותיכם" — גייט לערנען (די שיעורי) תורה, און לאָזט אידן פירן זיך ווי עס פאָדערט זיך מצד דעם סדר הנהגת העולם.

זאָגט מען אויף דעם, אַז הגם עס איז

1) פרשתנו ה, ד.

2) שמו"ר פ"ה, טז. פרש"י עה"פ. וראה תנחומא וארא ו.

3) ראה רא"ם ומשכיל לדוד לפרש"י כאן.

4) עה"פ. ועד"ז בבחיי עה"פ.

5) ראה גם חזקוני עה"פ.

6) ברמב"ן ובחיי הובאה תיבה זו („לישראל") משמו"ר הנ"ל, ובשמו"ר לפנינו ליתא. ולהעיר שברמב"ן גריס בשמו"ר עוד פירוש שליתא בשמו"ר לפנינו.

7) ראה חזקוני שם: רק בתורה הי' כל עסקיהם.

8) אבל בפרש"י: לכו למלאכתכם שיש לכם לעשות בבית. וראה רמב"ן כאן. ועפ"ז המבואר בפנים (שקאי על עבודת שבט לוי) יומתק יותר הלשון „לסבלותיכם". ולהעיר מראב"ע עה"פ.

9) ח"א קכה, סע"א. ולהעיר ממ"א ה, י ובמפרשים שם.

10) ראה זח"ב נב, ב.

11) מכילתא יתרו יח, יא. פרש"י שם, ט.

12) לך טו, יג.

13) ע"ד טענת טורנוסרופוס הרשע „אלקיכם אוהב עניים כו'" (ב"ב י, רע"א).

לכאורה אַ טענה צודקת — איז דאָס אָבער טענת פרעה. און אויב מען וואָלט אָננעמען זיין טענה, וואָלט מען ח״ו פאַרשפּילט דעם גאַנצן ענין הגאולה. וכידוע[14] אַז די גאולה האָט געמוזט זיין „בחפזון״, ווייל אויב די אידן וואָלטן זיך פאַרהאַלטן אין גלות מצרים אפילו נאָר אויף נאָך אַ „הרף עין״[15], וואָלט ניט געקענט זיין די גאולה. דוקא דורך דעם וואָס מ׳האָט זיך ניט צוגעהערט צו פּרעה׳ס רייד איז געקומען די גאולה.

אמת טאַקע, אַז ע״פ חכמה ושכל האָט זיין טענה אַן אָרט; אידן זיינען אָבער ניט געבונדן דורך די הגבלות פון שכל וסדר העולמות. און דעריבער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס גזירת הגלות איז געווען אויף „ארבע מאות שנה״, איז די גאולה געווען אַ סך פריער, אין אַן אופן פון „דילג על הקץ״[16].

ג. די הוראה דערפון איז, אַז אַ איד זאָל ניט טראַכטן: איך לערן דאָך תורה, איז „אני את נפשי הצלתי״, ובפרט אַז איך גיב נאָך פון צייט צו צייט אַ שיעור בתורה צו אַנדערע, וואָס איז מיר אויף אַזוי פיל נוגע ווי עס פירט זיך אַ צווייטער איד — צי ער איז מקיים מצות, אָדער ח״ו ניט. צי ער גיט אָפּ זיינע כוחות צום אויבערשטן, אָדער להבדיל צו „פרעה מלך מצרים״ — אויף ענינים גשמיים?

[גשמיות מצד עצמה, אָן דעם חיות אלקי וואָס אין איר, איז עס ווי בויען פּיתום ורעמסס „ערי פרעה״ — ווי חז״ל[17] זיינען דאָס מפרש: רעמסס, שראשון ראשון מתרוסס... פיתום, שראשון ראשון פי תהום בולעו — עס האָט קיין קיום ניט].

דאַרף מען וויסן זיין, אַז דאָס איז (געווען) די השקפה פון פרעה מלך מצרים, וואָס האָט געזאָגט „לכו לסבלותיכם״, פאַר דיר איז גענוג וואָס דו לערנסט תורה; וואָס איז דיר אַזויפיל נוגע די אויפפירונג פון אַ צווייטן אידן? דאָס איז אָבער ניט קיין סדר ההנהגה פון אַ אידן, וואָס דערפאַר האָבן משה ואהרן ניט אָנגענומען פרעה׳ס טענה.

כשם ווי, בעת מען זעט אַז עס ברענט אַ פייער ר״ל אין אַ אידישער הויז, וועט דאָך קיינער ניט אָוועקזעצן זיך מיישב זיין, צי ער זאָל עפּעס טאָן אויף צו ראַטעווען דעם צווייטן פון פייער; אָדער מאַכן אַ חשבון: ווי קען איך און וואָס דאַרף איך זיך מישן אין דעם צווייטנס ענינים? יעדער מענטש האָט דאָך זיין סדר החיים וואָס איז אויסגעשטעלט פון דער השגחה עליונה — איז וואָס זאָל איך זיך אַריינמישן אין דעם אויבערשטנ׳ס דרכים?

ס׳איז פשוט, אַז יעדער איינער וואָס זעט אַזאַ פּאַסירונג וועט זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ שקלא וטריא, צי דאָס איז אויסגעהאַלטן לויט דער שיטה, אָדער אַ צווייטער שיטה, נאָר ער וועט באַלד לויפן ראַטעווען דעם צווייטן.

אויב דאָס איז אַזוי בעת עס האַנדלט זיך נאָר וועגן חיי עולם הזה, איז כל־שכן וק״ו ווען עס רעדט זיך וועגן חיי עוה״ב און חיי עוה״ז צוזאַמען[18], אַז עס

---

14) סי׳ האריז״ל (ר׳ שבתי וקול יעקב) הגש״פ פי׳ מצה זו. צרור המור — הובא בשל״ה מס׳ פסחים פי׳ עבדים היינו. ועוד.

15) לשון המכילתא (ורש״י) בא יב, מא־מב. — וע״פ המבואר בס׳ שבהערה הקודמת מובנת הדגשת חז״ל בזה.

16) ראה פסיקתא דר״כ ופסיקתא רבתי פ׳ החודש. שהש״ר פ״ב, ח (א).

17) סוטה יא, סע״א. שמו״ר פ״א, י.

18) ראה ספרי תצא כג, ח (ורש״י שם, ט). ב״מ לג, א (במשנה).

האט קיין אָרט ניט צו מאַכן חשבונות — נאָר טאָן אַלץ וואָס מ'קען צו ראַטעווען יענעם מבאר שחת.

ד. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט בשם הבעש"ט[19], אַז דער חיוב פון אהבת ישראל באַציט זיך ניט נאָר צו אַ אידן וואָס ער איז מיט אים באַקאַנט, נאָר די אהבה דאַרף זיין אויך צו אַ אידן וואָס געפינט זיך ערגעץ בקצוי תבל; און די אהבה דאַרף זיין (ניט סתם „ואהבת", מיט אַ הגבלה, נאָר) „כמוך": אַזוי ווי מען האָט האָלט זיך אָן הגבלות, אָט אַזוי דאַרף זיין די אהבה צו אַ צווייטן אידן[20].

— דער רבי האָט דערציילט[21] אַז דער מעזריטשער מגיד האָט זיך געוואונטשן אַז הלואי וואָלט ער געקושט די ס"ת מיט דער זעלבער אהבה וחיבה וואָס דער רבי (דער בעש"ט) האָט געהאַט צו אַ אידן; און דער רבי האָט מוסיף געווען (בשם הה"מ)[22]: אויב דער בעש"ט וואָלט זייענדיק בעלמא דין געוואוסט וויפל ער טוט אויף מיט זיין קירוב צו אידן, אַזוי ווי ער ווייס דאָס איצטער, וואָלט עס געווען גאָר באופן אחר לגמרי —

און דער „ואהבת לרעך כמוך" דאַרף זיך אויסדריקן אין דעם, אַז כשם ווי באַ אים אַליין — „כמוך" — איז דאָ דער „לכו לסבלותיכם", אַז ער געפינט זיך באהלה של תורה ובאהלה של תפלה ומצות, אַזוי דאַרף ער עס פועל'ן אויך באַ אַ צווייטן אידן.

און וויבאַלד אַז אין הקב"ה באַ בטרוניא עם בריותיו[23], איז זיכער אַז מען האָט געגעבן אַלעס נויטיגע אויף דאָס אויסצופירן — מען דאַרף נאָר וויסן אַז מען טאָר ניט אָפּלייגן די אַרבעט אויף נאָך אַ וואָך, אַ טאָג, אָדער אפילו אויף אַ „הרף עין". ווייל עס איז רעכט, אַז דער הרף עין איז מכריע צי מען זאָל בלייבן אין גלות ח"ו אָדער מען זאָל אויסגעלייזט ווערן און ביז — בגאו־לה שלימה.

ה. און דאָס איז די הוראה וואָס איז נוגע צו די אַלע וואָס זיינען באהלה של תורה, כולל תלמידי הישיבות, און אויך צו אַלע אידן וואָס זיינען בקרן אורה: בשעת מ'זעט אַז ביי אַ צווייטן אידן איז דער מצב הרוחני ניט כדבעי, ניט גענוג ליכטיג זאָל מען זיך ניט איינריידן אַז „אני את נפשי הצלתי", ובפרט אַז מצד דעם וואָס אַלע אידן זיינען אַ קומה אחת שלימה[24], איז בשעת אַז עס פעלט שלימות אין תומ"צ באַ אַ צווייטן אידן — פעלט עס באַ אים און באַ אַלע אידן.

תורה זאָגט וועגן אידן: „אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם ראשיכם שבטיכם גו' מחוטב עציך עד שואב מימיך"[25]. ווען מען שטעלט אויס סאָל־דאַטן אין אַ פּאַראַד פאַר דעם מלך, איז דער סדר, אַז אויב איינער פון די פשוט'ע סאָלדאַטן האָט ניט ווי גע־העריק אויסגעפּוצט די קנעפּ פון זיין מונדיר, מאָנט מען ניט (נאָר) באַ דעם סאָלדאַט, נאָר מען מאָנט בעיקר באַ

19) ראה בפרטיות ס' הערכים-חב"ד ע' אהבת ישראל ע' תרכג ואילך, וש"נ. קונטרס אהבת ישראל ס"ט ואילך.

20) ראה ס' הערכים שם ערך הנ"ל סעיף ה, וש"נ.

21) ספר השיחות תש"א ע' 32. תש"ד ע' 163. סה"מ תש"ט ע' 87. היום יום ע' עא.

22) שיחת יום ב' דחגה"ש תרצ"ו — נעתקה גם בהוספות לכתר שם טוב סי' רלג.

23) ע"ז ג, א.

24) לקו"ת ר"פ נצבים. ובכ"מ.

25) ר"פ נצבים.

דעם מפקד ראשי, פאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעלערנט זיינע סאָלדאַטן, זיי זאָלן וויסן צוצוגרייטן זיך ווי צו שטיין פאַר אַ מלך.

מען דאַרף וויסן, אַז ווען „אתם נצבים היום כולכם לפני ה״א", מאָנט מען ניט (נאָר) בא דעם חוטב עציך ושואב מימיך, נאָר אדרבא דער עיקר מאָנט מען בא „ראשיכם שבטיכם"[26]: און זיי וועלן ניט קענען זיך פאַרענטפערן דערמיט וואָס זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט זיך.

און בשעת אַז אידן וועלן זיך פירן ווי אַ קומה אחת שלימה, אַלע אידן צו־זאַמען, פון ראשיכם שבטיכם ביז חוטב עציך ושואב מימיך, ס'איז דאַ דער „ויעשו כולם אגודה אחת"[27],

וועט מען דעמאָלט אַלע זוכה זיין צו דער „לעשות רצונך בלבב שלם"[27], און עס וועט זיין „ה' אחד ושמו אחד"[28].

(משיחת שמחת ביה״ש תשי״ז)

26) כמחז״ל (ספרי ורש״י) עה״פ (דברים א, יג) „ואשימם בראשיכם".

27) נוסח תפלת ימים נוראים.

28) זכרי' יד, ט.

# שמות

## — כ״ד טבת —

א. דער צמח־צדק שרייבט[1] וועגן דער הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן (נאָכן באַשרייבן בקיצור[2] די טלטולים וואָס דער אַלטער רבי האָט דורכגעמאַכט — אַנטלויפנדיק פון די „צרפתים" — ביז צו זיין אָנקומען אין (דאָרף) פּיענאַ, „ע״ש וישלח תקע״ג"), אַז „במוש״ק דשמות כ״ג אור לכ״ד טבת כחצות שעה י״א נשבה ארון הקדש מאור ישראל משיח ה׳[3] וכו׳".

ס׳איז ידוע[4] אַז אַלע מועדי השנה (וי״ל שעד״ז אויך ימי צדיקים[5] — במילא אויך ימי־הולדת און ימי־הילולא פון צדיקים, וכיו״ב) האָבן אַ שייכות צום תוכן פון דער פרשה אין תורה וואָס מ׳לייענט דעמאָלט;

ועד״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק פון דעם תורה וואָרט פון דעם בעל ההילולא, פון דעם אַלטן רבי׳ן, אַז „מען דאַרף לעבן מיט דער צייט" מיט דער פרשת השבוע[6].

ובעניננו: הגם אַז די הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן איז געווען „אור לכ״ד טבת", וואָס איז אויסגעפאַלן אין יום א׳ פון פרשת וארא[7] — דערפון אָבער וואָס דער צ״צ האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אָנצייכענען בלויז דעם זמן פון „אור לכ״ד טבת" (און אפילו ניט מיט מוסיף זיין דעם טאָג פון וואָך[8] —

1) נדפס במענה לשון (ווילנא, תער״ב. הוצאת קה״ת, תש״י. תשכ״ז) בתחילתו. פסקי דינים להצ״צ בסופו (קה״ת, תשל״ב – קג, א [תמב, א]. בהוצאת תשנ״ב – תיא, ב).

2) בארוכה — במכתב כ״ק אדמו״ר האמצעי (נדפס בבית רבי ח״א פכ״ב. ס׳ התולדות אדה״ז (קה״ת, תשכ״ז. תשל״ו) ע׳ רסד (בהוצאת תשמ״ו – ח״ד ע׳ 1031)).

3) ראה בארוכה שיחת כ״ד טבת תשל״ב, דיש לומר שג׳ לשונות אלו — „ארון הקדש מאור ישראל משיח ה׳" — הן כנגד ג׳ הספירות חב״ד [בינה (ארון הקדש), חכמה (מאור ישראל), (כתר) דעת (משיח ה׳) — עיי״ש בארוכה] — שהיא (גילוי תורת חסידות חב״ד) „פעולתו אשר עבד בה"* ו„מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו" של בעל ההילולא, ש„מתעלה בעילוי אחר עילוי" בעת ההסתלקות (אגה״ק סי׳ זך וביאורו).

4) ראה של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב.

5) להעיר ממש״נ (תהלים לז, יח): יודע ה׳ ימי תמימים גו׳. וראה ב״ר ר״פ ח״ש. לקו״ד ח״א לה, א.

6) ספר השיחות ה׳תש״ב ע׳ 30־29.

7) וראה בארוכה לקו״ש ח״ו שיחה לכ״ד טבת השייכות של הילולא דאדה״ז לפ׳ וארא.

8) וי״ל טעם ההוספה* — ובהקדים תמי׳: הרי, לכאורה, ה״ז הדגשה לגריעותא — ע״פ מרז״ל (כתובות קג, ב) „מת בע״ש סימן יפה לו במו״ש סימן רע לו"? אך הדיוק בזה הוא — „בע״ש סימן יפה לו", וכדפירש״י: „שיכנס למנוחה מיד"; אבל עבור „צאן מרעיתו" של נשיא ישראל — הרי אדרבה: מכיון ש„בעת פטירת צדיקי עליון כו׳" הוא „עת רצון המתגלה ומאיר בבחי׳ גילוי מלמעלמ״ט" ש„מאיר חסד ה׳ מעולם עד עולם על יראיו ופועל ישועות בקרב הארץ כו׳" (אגה״ק סי׳ כח. וראה שם סי׳ זך וביאורו) — לכן דוקא במוצאי שבת, כשמתחילה העבודה דימות החול („בקרב הארץ"), זקוקים ביותר להשפעה וגילוי זה.

ולכן נשיאי ישראל, שבעיקר חושבים לא ע״ד

*) ל׳ אגה״ק שם — ע״פ יחזקאל כט, כ — מההפטורה דפ׳ **וארא**, פ׳ השבוע דיום ההילולא, כדלקמן בפנים (וראה בהערה 7) — נתבאר בארוכה בלקו״ש חכ״א ע׳ 51־50; ע׳ 52 ואילך.

*) ולהעיר, שגם בנוגע להסתלקות כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע ל׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר הוא „**במוצש״ק** ויקרא אור ליום א׳ שני בניסן תר״ף בשעה כו׳" (חנוך לנער ע׳ 16). וג״כ לא מזכיר פ׳ שלאחרי׳ — צו.